בס"ד

# דרשת הרב ישראל משה דירנפעלד שליט"א

**מגדולי העסקנים בשיכון סקווירא יצ"ו ומראשי איחוד הקהלות למען טוהר המחנה**

אצל סעודת ל"ג בעומר בהיכל בית מדרשינו יום א' פ' בה"ב העעל"ט

ברשות דער ראש הכולל, די דיינים שליט"א, כל הקהל הקודש הזה.

ס'איז יעצט ביי מיר דאס צענטע מאל וואס כ'האב די זכי' צו רעדן אין איינע פונעם רבין'ס בתי מדרשים איבער די וועלט, והעשירי יהי' קודש, כ'האף אז דאס מאל וועט זיין דאס בעסטע די געלונגענסטע.

ס'איז ל"ג בעומר ס'איז דאס ערשטע מאל וואס איך רעד ל"ג בעומר, אין זכות פון התנא האלקי וועט דער אויבערשטער העלפן אז ס'וועלן נתקבל ווערן די ווערטער למעשה.

מ'האט יעצט געזינגען "ואמרתם כה לחי", און מ'האט ארויסגערעכנט אן א שיעור מעלות און מדריגות פון רבי שמעון בן יוחאי, אויב מ'האט מדייק געווען, ביי איין זאך האט מען אים געגעבן א קאמפלימענט פון הימל: "טיהר את העיר טבריא עשה אותה נקי' הודו לו משמיא", זעט מען פון דעם אז ווען עס קומט צו טהרה פון טומאה ווען ס'ווערט א בחינה פון נקיות דארטן געבט מען א קאמפלימענט.

## עשה אותה נקי' הודו לו משמיא

ווער נאך ווי איך קען מעיד זיין, די לעצטע 25 יאר וואס איך האב די זכי' עוסק צו זיין אין דעם ענין, אז דער רבי זאל זיין געזונט איז עומד בראש ובראשון אויף די אלע שבעים תיקונים וואס מ'מאכט אין דעם היינטיגן דור, נישט נאר אז ער שטייט בראשון וראשון, נאר ס'איז דא זאכן אין וואס ער איז געבליבן כמעט אן איינציגער, און ער ווערט נישט דערשראקן דערפון.

ס'איז געווען ביי די ענין פון מ'זאל נישט לערנען אין סקול'ס קיין קאמפיוטער, דעמאלטס בין איך געווען ביים רבי'ן מערערע מאל וועגן דעם, און דער רבי איז געווען דער ערשטער וואס האט עס געמאכט, און דוכט זיך מיר אז ער איז געבליבן דער איינציגסטער. איז דעמאלטס געווען פארשידענע גדולים וואס האבן געזאגט אז זיי וועלן עס נאכמאכן אבער זיי האבן עס נישט נאכגעמאכט. איז איינמאל ווען כ'בין געווען ביים רבי'ן האט ער זיך שטארק אפגערעדט אויף א געוויסן גדול, איינער פון די גרעסטע גדולים, וואס האט געזאגט אז ער וועט עס מאכן און ער האט עס נישט געמאכט.

האב איך פרובירט ממליץ זיין אויף דעם גדול אז איך ווייס אז די מנהלת דארטן איז אריינגעקומען און זי האט פארפירט, ער האט זיך נישט געקענט שלאגן מיט איר, זי האט געסטראשעט אז זי זאגט זיך אפ, און ער האט נישט געקענט טרעפן קיין צווייטן. האט דער רבי געזאגט: ביי מיר איז געווען דא אנדערטהאלבן שעה די מנהלת זי האט געקלאפט אויפ'ן טיש, און כ'האב מיך נישט דערשראקן, כ'האב געפילט אז דאס ברענגט אונטער אידישקייט, ס'קען דאך נישט זיין קיין סתירא אז פאר'ן טאטן און מאמע'ן זאגט מען טארסט נישט האבן קיין קאמפיוטער אין שטוב, און די קינד לערנט מען אים אויס אין מוסד קאמפיוטער, וויאזוי ארבעט דאס?! ס'איז דאך ממש א סתירה.

מיט אפאר יאר צוריק – דריי יאר צוריק בערך – האט דער רבי געמאכט א תקנה אז מען טאר נישט האבן קיין קאמפיוטער אין שטיבער, און ער האט מיך שטארק געבעטן איך זאל זען מען זאל אים נאכמאכן, דער רבי זאל זיין געזונט האט אינזין נישט נאר די אייגענע קהלה ער וויל דאך מתקן זיין די גאנצע וועלט, ווען איך בין געקומען אים מגלה זיין דער אז דער רבי שליט"א אין סקווירא האט געמאכט די זעלבע תקנה, אז מ'טאר נישט האבן קיין קאמפיוטער, ער האט פונקט נאכגעמאכט, אז מען טאר נישט האבן אין שטוב א.א.וו.. ער איז ממש געשפרינגען פאר שמחה! אז ער טוט אויף ביי אנדערע קהלות אויך, נישט נאר ביי זיך.

## אמור אל הכהנים בני אהרן

אין אמת'ן אריין, וואס דארף איך קומען דא רעדן? ב"ה געלויבט דער אויבערשטער אז דער עולם איז נשמעים צום רבי'ן מ'פאלגט און מ'טוט, אבער חיזוק פעלט אויס, נעכטן האט מען געליינט אין די פרשה "אמור אל הכהנים בני אהרן", דער אוה"ח הק' פרעגט דאך פארוואס שטייט נישט "בני אהרן הכהנים" ווי איבעראל, זאגט ער אז מ'דארף זאגן פאר די כהנים די מעלה זייערע, נישט אז זיי מעגן נישט דאס זיי מעגן נישט יענץ, ניין נאר עטס זענט'ס כהנים!

כ'האב געטראכט אביסל אויף אן אנדערע וועג, שטייט דאך אזוי אז מ'וויל אז די זאך זאל האבן א קיום, דארף עס גיין מיט א גאוה מיט א שטאלץ מיט א חיזוק, אויב דאס מעג מען נישט און יענץ מעג מען נישט, אז ס'גייט געצוואונגענערהייט ארבעט עס נישט, און אוודאי און אודאי נישט פאר די קינדער.

איז אמור אל הכהנים, זאג פאר די סאטמארע חסידים, בני אהרן, עטס האטס אזא גרויסן רבי'ן, וואס עטס מאכטס אזעלכע גוטע תקנות, זאל מען עס מאכן מיט א שמחה מיט א חיזוק!

# די חורבנות פון קאמפיוטער שוין פאר פערצן יאר צוריק

איך מוז דערציילן דא אפאר זאכן אז דער עולם זאל זען אז דאס איז נישט קיין איבערגעטריבענע זאכן, און מ'זאל עס דערהערן, די מציאות האט געוויזן אז דארט ווי מ'האט דערהערט האט מען עס מקיים געווען אויף א סאך א בעסערן אופן אן חכמות.

מיט א דרייצן פערצן יאר צוריק בין איך ארומגעגאנגען ב"ה צו אלע גדולי הדור אין ארץ ישראל און אמעריקע, און מ'האב צוזאמגענומען חתימות אויף דעם ענין - מענטשן האבן שוין פארגעסן אפילו פון דעם צעטל - אז מ'זאל נישט האלטן קיין קאמפיוטער'ס אין שטיבער.

איך געדענק איך בין געווען דעמאלטס ביי הגאון רבי אלי' שווי ז"ל פון די ליטווישע גדולים אין אמעריקע, מיט איבער צוואנציג יאר צוריק בין איך געווען ביי אים איבער די מלחמה פון ווידעא האב איך געהאט א שווערע צייט צו אדורכפירן מיט אים א תקנה, ווען איך בין געגאנגען ווען קאמפיוטער'ס האב איך געטראכט אז ס'וועט מיר זיין א שווערע ארבעט, ס'איז מיר טאקע געווען א שווערע ארבעט, אבער פונקט פארקערט.

דארט'ן אינעם נוסח וואס אונז האבן געהאט אויסגעשטעלט איז געשטאנען אז מ'זאל נישט האבן קיין קאמפיוטער אין שטוב נאר לצורך פרנסה, דער וואס מוז עס האבן לצורך פרנסה זאל עס באהאלטן און פארשליסן מיט א פאסווארד, פארשליסן אין א שאפע, מיט אלע מיני שמירות. האט ער גע'טענה'ט מיט מיר א דריי פערטל שעה - מ'רעדט דא פון דרייצן פערצן יאר צוריק - אז ס'איז א ברי הזיקא! מ'מעג אויף אזא צעטל נישט חתמ'ענען, **איינמאל אז די קאמפיוטער איז אין שטוב מעג עס האבן צענדליגער פאסווארד'ס, מעגסט עס לאזן פארשלאסן אין א שאפע, די קינדער זענען בעלי בתים אויף די שטוב, ווען טאטע און מאמע גייען צו איין חתונה, די פאסווארד איז אויפגעבראכן און אלעס ווערט געעפענט.** האט מען געמוזט טוישן דעם נוסח אז מ'זאל האלטן נאר אין א אפיס נאר אין א גאראזש וכו'.

ער האט געזאגט "איך קען מער ווי צוויי טויזנט בחורים און מיידלעך וואס זענען קאליע געווארן אויף די היים קאמפיוטער!", מ'רעדט דא פון פערצן יאר צוריק! וואס ער האט געזאגט ער ווייסט פון איבער צוויי טויזנט בחורים און מיידלעך וואס זענען קאליע געווארן אויף די היים קאמפיוטער.

איך געדענק אז כ'האב דעמאלטס גערעדט אין סאטמאר אין מאנטריאל האב איך זיי געזאגט "אונז זענען אלע ציונים"... האבן זיי מיך אנגעקוקט 'וואס הייסט ציונים'?

האב איך געזאגט, דאקטאר גרינבוים ימ"ש בשעת מיליאנען אידן האט מען געשאכטן אין די גאז קאמערן האט מען געבעטן מ'זאל זען צו ראטעווען, רבי מיכאל בער האט געטוהן, האט ער געשריבן א בריוו "כי רק בדם תהי' לנו הארץ" (עפ"ל), אז אלע פעלקער האבן מקריב געווען קרבנות, אונז דארפ'ן אויך מקריב זיין קרבנות, ער האט געוואלט מקריב זיין אידישע קרבנות אויף זייער מדינה.

זאג איך זיי איך זאג אויך אזוי, ביי די ליטווישע גיסט זיך שוין בלוט, און מ'ווילווארטן ביז ס'וועט אנקומען צו אונז. ב"ה דער רבי האט געארבעט באצייטנס אז ס'זאל נישט דארפן קאסטן צופיל בלוט ביי די אייגענע עולם.

# ישראל קדושים הן

מ'האט מיך גערופן אין ארץ ישראל - דעמאלטס ווען איך בין ארומגעגאנגען פאר חתימות - איז דא א ליטווישע קהלה פון 500-600 משפחות, אן אמעריקאנער קהלה וואס זיי רעדן נישט קיין אידיש, אדער ענגליש אדער עברית. הגאון רבי חיים פנחס שיינבערג ז"ל האט מיך געבעטן איך זאל קומען רעדן דארט פאר'ן עולם וועגן קאמפיוטערס ועכן די שעדליכקייט פון קאמפיוטער'ס.

יעדער וואס איז געווען דארטן - ס'איז געווען פאר מענער פאר פרויען - יעדע שטוב האט געהאט א קאמפיוטער. פארדעם האט גערעדט דער משגיח פון לעיקוואוד (זיי האבן א עקסטערע משגיח אין ארץ ישראל) א לאנגע דרשה פון שמירת עינים סוף האט ער אויסגעפירט אז מ'גייט דא רעדן מ'זאל נישט האלטן קין קאמפיוטער אין שטוב, און מענטשן ווילן לאכן "בי רעאליסטיק" לאמיר זיין רעאליסטיש, קען מען ארויסווארפן א וואש מאשין א פריזשידער הייגט פון שטוב? מ'קען נישט ארויסווארפן א קאמפיוטער אויך נישט, דאס איז א חלק פונעם לעבן. דער תירוץ אויף דעם איז "בי רעאליסטיק" אויב דו ווילסט דיינע אייניקלעך זאלן זיין שומרי שבת מיט די קאמפיוטער איך שטוב גייט עס נישט פאסירן ח"ו, ס'איז פשוט זעה וואס גייט פאר, מ'רעדט נאך דעמאלטס דרייצן פערצן יאר צוריק, האט מען שוין דעמאלטס געזען וואס ס'גייט ארויסקומען.

היינט ווי קליג דארף מען זיין צו זען דעם חורבן, איך לויף ארום אין די וועלט יעצט מיט א נייע כלי, מ'דארף דאך זוכן היינט לעזונגען, אז מ'טרעפט נישט קיין לעזונגען איז דער עולם נישט צופרידן, אידן דארפן דאך מאכן פרנסה מ'מוז דאך האבן קאמפיוטער'ס פאר די ביזנעס, טרעפט מען אויס א נייע מין כלי וואס די קאמפיוטער זאל נישט דארפן זיין אויפ'ן פלאץ ס'איז ערגעץ אנדערש.

אזוי היינט א מענטש האט א קאמפיוטער ער מעג רופן דעם גרעסטן מומחה בעולם, דער גרעסטער מומחה בעולם זאל עס אפשליסן מ'זאל נישט קענען אריינגיין אין די אינטערנעט, קען א מומחה און סעקונדעס מאכן מ'זאל יא קענען, און ס'איז נישט דא קיין גרעסערער מומחה ווי בחורים און קינדער, דאס ווייסט יעדער איינער. ממילא דאס איז א נייע איידיע וואס בס"ד ביז א קורצע צייט וועט עס זיין - אז ס'זאל נישט קענען זיין קיין וועג בעולם איבערצוקליגן, וויבאלד דער קאמפיוטער איז נישט דא,

ס'איז פונדערוויטנס מ'זאל נישט קענען שולט זיין איבערצובערכן די זאך.

אבער עכ"פ האב איך גערעדט דארטן א דרשה, האבן זיי מיר געזאגט שפעטער אז ב"ה ס'איז נישט געבליבן קיין איין קאמפיוטער אין שטוב, איך האב געלאכט ביי מיר, אינדרויסן ביי די גארבעדזשעס האט מען געטראפן קאמפיוטער'ס?... האבן זיי געזאגט 'ניין' זיי ווייסן אז יעדער האט ארויסגעווארפן די קאמפיוטער, ס'איז געווען אפאר שעה א דרשה, מ'האט אריינגעפרעגט, ס'איז געווען עפעס געוואלדיג.

אפאר וואכן שפעטער בין איך געווען ביים באיאנער רבי'ן שליט"א האט ער געפרעגט צו איך האב גערעדט דארט, האב איך געזאגט יא, זאגט ער אז ער האט דארט דריי פיר אינגעלייט וואס זענען זיינע מענטשן, זיי האבן אלע געזאגט כמסיח לפי תומו אז יענע נאכט האבן זיי ארויסגעטראגן דעם קאמפיוטער פון שטוב. זעט מען פון דעם אז ווען מ'הערט, ווען מ'זעט דעם שרעקליכקייט דערפון איז מען מער מקבל.

## די שרעקליכע חורבנות

האט מיר דעמאלטס פארציילט דער באיאנער רבי, אז ער קען א יונגערמאן א מחבר פון א ספר אויף הלכות שבת וואס איז היינט א מחלל שבת רח"ל! אלעס דורך דעם ספר, ס'האט זיך אנגעפאנגען מיט די קאמפיוטער, נאכדעם דארף מען שיקן א אימעיל צום מגיה און צוריק, און דער אויבערשטער זאל אפהיטן, מיט איין גליטש, אין סעקונדעס ווערט מען קאליע.

כ'בין געווען ביים נאדבורנא רבי זצ"ל און ער האט מיר עטליכע מאל פארציילט די מעשה: א איד א מחבר ספר וואס די גאנצע וועלט לערנט זיין ספר, איז געקומען צו אים אויף א תיקון אויף א עון חמור מאוד, האב איך אים געפרעגט 'וואו קומט צו אייך אזא מכשול?', האט ער געזאגט דער רבי ווייסט דאך איך האב א קאמפיוטער אין שטוב, וואס דארפסטו האבן א קאמפיוטער אין שטוב?, 'איך שרייב דאך ספרים', האב איך אים אנגעשריגן ווי אזוי האט דער נודע ביהודה געשריבן ספרים?! ווי אזוי האט דער חתם סופר געשריבן ספרים, ווי נעמט א תלמיד חכם אריין א נסיון אין שטוב אריין?! כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו.

ווען איך זאל ווען האבן צייט און ס'וואלט געווען א תועלת וואלט איך געקענט זיצן דא פינף זעקס זיבן שעה און דערציילן נאר פון תלמידי חכמים. ווי האט איינער געזאגט, אז אדאנק די תורה האט ער זוכה געווען תשובה צו טוהן ער איז געגאנגען בעטן א תשובה, אבער וואס טוט זיך אין די ארבעט'ס פלעצער דארף איך אייך גארנישט זאגן.

איינע פון די וויזניצער רבנים הגאון רבי יוסף יצחק ראזענפעלד שליט"א איז אריינגעקומען צום סקווירא רבי'ן שליט"א נאכדעם וואס דער רבי האט געמאכט די תקנה אז מען זאל נישט האבן קאמפיוטער'ס אין שטיבער, האט ער געוואלט געבן א קאמפלימענט פאר'ן רבי'ן, ער האט געטוהן אזא זאך וואס אין וויזניץ האט מען אויך נאכנישט געקענט דורכפירן, האט דער סקווירא רבי אים געענטפערט: ס'קומט זיך מיר נישט קיין קאמפלימענט, ווען כ'וואלט עס געמאכט פאר ס'האט געשעדט מילא, אבער ס'האט שוין אזויפיל קרבנות געקאסט קומט זיך מיר נישט קיין קאמפלימענט.

כ'האב געטראפן א חבר א שיינער גביר ער האט איבער הונדערט ארבייטער'ס, פרעג איך אים דו האסט בית הכסאות אין די ארבעט? זאגט ער יא אפשר צוואנציג, וואס טוסטו אז ס'פארשטאפט זיך דיר א ביה"כ? ער רופט א היימישן איד, וואס קאסט דיר יעדעס מאל? אכציג הונדערט דאללער, אה ביסט א נאר קענסט זיך שפארן א געוואלד מיט געלט, ביי מיר אין שטוב אז ס'פארשטאפט זיך די בית הכסא נעם איך א פלאנדזשער און אין דריי מינוט איז עס פארטיג. זאגט ער מיר 'איך פאטשקע נישט אין שמוץ'.

אזוי?! וואס טוטסטו ווען דו דארפסט גיין אויף די אינטערנט ביז דאך א גביר קענסט נישט צאלן דארטן דעם גוי ער זאל מאכן די שווארצע ארבעט, וואס איז דאס, עפעס א בעסערע שמוץ ווי ביה"כ?! **מיר דערהערן נישט דעם חומר הענין!**

ס'איז א מורא'דיגע מורא'דיגע מוסר השכל, רבותי, כ'האב צוגעגרייט מער צו רעדן אבער ס'איז שפעט, די מוסר השכל גייט אזוי, אונז האבן זיך צוגעוואוינט צו א באקוועמע לעבן, און ס'איז געווארן א הרגל בהיתר, איך געדענק נאך ווען קאמפיוטער איז געווען א הייליגע כלי... מ'האט דערציילט אויף איינע פון די גרויסע רבי'ס אין וויליאמסבורג – רבי הערשעלע ספינקער זצ"ל – וואס ער האט נישט געלאזט אריינברענגען א קאמפיוטער פאר 25 יאר צוריק אין זיין ישיבה, און דער עולם האט זיך אונטערגעלאכט, וואס איז געווען? ער האט געזאגט אז ס'זעט אויס ווי א טעלעוויזשאן, און דער גאנצער עולם האט געלאכט, א פארצייטישער רבי וואספארא שייכות האט קאמפיוטער צו טעלעוויזשאן, הונדערט יאר וועט עס נישט ווערן א טעלעוויזשאן, און ליידער איז ער געווען גערעכט.

אבער דער בעל דבר איז געקומען מיט אזא מין חכמה, קודם האט ער אריינגעלייגט – ווער ס'געדענקט מיט צוואנציג יאר צוריק אדער מער – האט ער אריינגעלייגט דארטן אז יעדער ספר תורה תפלין און מזוזות זאל מען באקוקן אויף דעם, און ס'איז געווען דעמאלטס אזא שמחה ווי ווייט ס'קומט אן די גוטע זאכן, ער האט אריינגעלייגט כל התורה כולה, ער האט אריינגעליגט אלע ביזנעסער, יעצט ווארף מיך ארויס! יעצט איז מען שוין געווארן צוגעבינדן, דאס איז די שוועריגקייט אבער למעשה אויב אונז וועלן עס נישט טוהן וואס גייט זיין ווייטער, יעדער איינער ווייסט דאך ס'שטעלט זיך נישט אפ די זאך גייט ווייטער.

דער קליינער MP3 קען מען שוין היינט כמעט נישט קויפן אן ווידעא, וועלכער בחור אין דער וועלט האט דאס נישט היינט? וועלכער מגי"ש האט דאס נישט היינט? איך בין געווען דער ערשטער וואס האט עס אריינגעברענגט אין סקווירא כ'האב געוואלט ווייזן אז ס'איז דא א כשר'ע כלי א שיינע גוטע זאך אויך... ראדיא? יא מ'האט אראפגענומען די ראדיא אבער מ'קען עס צוריקלייגן, מ'גייט אריין מיט עני קאמפיוטער וועט מען זען אז מ'האט אראפגענומען די ראדיא קען מען עס צוריקלייגן, וויפיל בחורים זענען שוין חרוב געווארן פון די שמוציגע ראדיא וואס מ'הערט.

און ס'איז דא אסאך קלענערע זאכן, ס'איז דא אזעלכע קליינע SD קארט'ס וואס האלט כ'ווייס נישט וויפיל ווידאו'ס אין זיך, טאמער אונז וועלן נישט וויסן אז אונז האבן דא א מלחמת קיום, **אונז לעבן דא ממש אין א מצב וואס טאמער אונז וועלן נישט ארויסגיין מיט א מלחמה אליינס יעדער מיט זיך, אשר עשה 'לך' עמלק, איז זעמיר פארלוירן** דער אויבערשטער זאל אפהיטן, אבער וואס זאלן די קינדער טוהן?!

## דער פחד ווען מ'דארף נוצן די כלים

הגאון רבי אבא חייא טויבער שליט"א האט אמאל געזאגט א מורא'דיגע זאך, א טאטע האט גענומען זיינע קינדער חוה"מ אויף א אויספלוג, מ'איז געגאנגען אין מאנהעטן אויף הונדערט שטאק הויעך די עלעוועיטאר ארבעט דאך מורא'דיג שנעל אין אפאר סעקונדעס איז מען אויבן, די קינדער האבן נישט געגלייבט אז זיי זענען אויף א דאך פון הונדערט שטאק דער טאטע האט אנגעזאגט קינדער גייט'ס נישט נאנט צום צוים חס ושלום מ'געט איין גליטש דא איז נישט דא קיין צווייטן שאנס, אבער טאמער דער טאטע וועט אפאר מינוט שפעטער גיין שפאצירן אויף דעם גדר ארויף און אראפ מיט א ציגארטעל אן פחד, וואס וועלן די קינדער זאגן? דער טאטע האט מגזם געווען אדער דער טאטע איז משוגע, איינע פון די צוויי זאכן מוז ער דאך זאגן, קיינער וועט נישט זאגן מיין טאטע איז משוגע, ער וועט זאגן מיין טאטע האט געהאט אן ענין מיך איבערצושרעקן.

די זעלבע זאך פאסירט אז א טאטע קומט אהיים און ער באקומט א דזשאוק פון א חבר אויף א טעקסט מעסעדזש ער לאכט ער ענדזשויט, איז ווי אזוי ווילן מיר אונז אז די קינדער זאלן דאס נישט האבן אדער 'וועלן' האבן שפעטער? און וואספארא דזשאוק'ס וועלן זיי באקומען?, איינער וואס מוז נוצן די כלי – איך זאג איבער זאכן וואס גדולי ישראל האבן געזאגט – פארשטייט זיך אזוי ווי דער רבי האט געמאכט די תקנות מיט די אלע מיני שמירות, ווי מ'דארף עס האבן, און ווען מ'דארף עס האבן, **דארף מען יעדעס מאל צוגיין מיט א פחד דערצו! יעדעס מאל דארף מען צוגיין מיט א 'יהי רצון', בעטן דעם אויבערשטן "רבוש"ע היט מיך אפ!".**

איך האב געהערט פון דער ראש ישיבה פון שערי יושר א זקן מזקני הדור הגאון רבי אברהם יוסף ראזנבלום שליט"א: א מענטש וואס האט נישט קיין ברירא און ער האט נישט קיין פרנסה, ס'גייט אדורך חדשים, אויב ער וועט נישט ארבעטן מיט די אינטערנעט – פארשטייט זיך מיט א פילטער – וועט ער נישט האבן קיין פרנסה אז ער וועט קומען פרעגן א שאלה, מסתם וועט מען אים פסק'ענען נעם א גוטע פילטער און שוין.

אבער ס'איז די זעלבע זאך ווי א מענטש וואס האט נישט קיין פרנסה א האלב יאר, און ער האט נישט קיין לחם לאכול אין שטוב, און מ'קומט אים אנטראגן צו ארבעטן אין א תיפלה, ער דארף קערן דארט, וועט מען אים זאגן: יא דו האסט נישט קיין ברירא, פרנסה אין שטוב מוזטו ברענגען, זאלסט קערן זאלסט זען זאלסט נישט זיין בשעת זיי דינען דארט זייער עבודה זרה, אבער זיך יעדן טאג א נייע דזשאב, דאס איז דאך א מקום סכנה. נו, ווי איז א גרעסערע סכנה צו ארבעטן אויף די אינטערנעט אדער צו ארבעטן אויף א פלאץ – כ'רעד שוין נישט פון קיין שמוץ – וואס מ'רעדט זיך איין אז מ'האט א היתר צו קוקן זאכן, נייעס'לעך און אזעלכע זאכן, וואס מ'שימפט און מ'רעדט די ערגסטע דברי נבלה אויף כל גדולי וצדיקי הדור. נאר פאר די זאך אליינס, ווען ס'זאל ווען נישט זיין קיין שום פראבלעם פון שמוץ איז דאך עס אויך מעביר כלל ישראל, אן גדולי ישראל האבן מיר דאך נישט פארוואס צו זיין דא בכלל.

## ואבכה יומם ולילה על חללי בת עמי

אפיקורסות! ס'איז דא היינט יונגעלייט חסיד'ישע אינגעלייט וואס זענען געווארן אפיקורסים גמורים! ס'איז געווען א מעשה ביי אונז אין וויליאמסבורג, א יונגערמאן מיט ווייסע זאקן א עכטע חסידישע יונגערמאן דער טאטע איז א רב א ראש ישיבה, וואס האט מיר אליינס געזאגט ווי ווייט ער האט שוין געהאלטן, דער אויבערשטער זאל אפהיטן כ'קען נישט רעדן באריכות, **אבער ער האט טאקע נישט געגלייבט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט!** נאך אפאר טעג וואס ער האט תשובה געטוהן, מ'האט אים ב"ה געגעבן פאר א איד זאל אים הייבן ער איז א חשובער איד, ער האט אנגעהויבן צו לייגן תפלין – ער האט אין יום כיפור געגעסן רח"ל, און ער האט עס מפרסם געווען, ער האט געהאט א אייגענע סייט, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

האב איך אים געפרעגט דעם ערשטע טאג וואס כ'האב אים געטראפן "דו גלייבסט טאקע נישט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט?" האט ער נישט געענטפערט, דאס איז שוין געווען נאכדעם וואס ער איז געווען צובראכן אינגאנצן, מ'האט אים איבערצייגט וויפיל חורבן ער האט געמאכט וויפיל אונז האבן געוויסט, נאך דריי פיר טעג וואס ער האט געלייגט תפלין, ער האט געהאט א שיעור יעדן טאג, און ער האט אוועקווארפן דעם קאמפיוטער, האב איך אים נאכמאל געפרעגט "דו האסט

טאקע נישט געגלייבט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט?", זאגט ער איך וועל דיר זאגן דעם אמת כ'האב מסתם יא געגלייבט, נאר ער האט זיך אנגעזען מיט אסאך אפיקורסות פון היימישע אפיקורסים אפגעפארענע, און אז מ'האט דא א נטי' צו טוהן עבירות מוז ער זיך דאך טרעפן א היתר, האט ער מקבל געווען די אפיקורסות, אבער דאס איז מעשים בכל יום!

כ'וועל דערציילן א מעשה וואס בדידי הוה עובדא, מ'האט מיך אנגעטראגן פאר איין טאכטער א בחור א טשטאשקע פון א בחור ביי אנז אין שטעטל, ס'איז א אריכות המעשה אבער ס'איז געווען צוויי אפשען'ס, אין די לעצטע רגע האב איך געקענט מאכן אינעם זעלבן טאג ביידע שידוכים, דער אויבערשטער האט מיך געהאלפן ער האט מיך גערעטעוועט און כ'האב געטוהן דעם שידוך וואס כ'האב געטוהן ב"ה, **דער צווייטער איז היינט א גוי גמור אן א קאפל! ער גלייבט נישט אז ס'איז דא א באשעפער אויף די וועלט ער האט איבערגעלאזט די ווייב מיט 4-5 קינדערלעך!**

כ'קען איינעם פון די נאנט וואס ביי פערצן יאר געווען א מחלל שבת! ס'האט געקאסט צענדליגער טויזענטער דאללער'ס אים צו ראטעווען – ב"ה היינט שיינט ער און בליהט – אפאר יאר שפעטער האט ער דערציילט, ער איז געגאנגען צו א חבר אין שטוב, חשוב'ע געהויבענע אידן משופרא דשופריא, **זיי האבן אריינגעלייגט א ספעציעלן פראגראם אין קאמפיוטער מ'זאל נישט קענען אנקומען צום אינטערנעט, אבער די קינדער זענען דאך אנגעקומען צו די ערגסטע פלעצער!**, האב איך געדארפט טראכטן אז ביי אונז אין שטעטל זאל פאסירן אזאך זאך?!

**אבער זעט אויס אז אפילו א מענטש האט נישט ביי זיך קיין כלי האט ער זיך נאכנישט געראטעוועט, ער דארף וויסן ווי די קינדער גייען, ווי די קינדער דרייען זיך, אין וועלכע שטיבער, ס'מעג זיין א חשוב'ע שטוב, טאמער ס'איז דא דארט די כלי איז מען שוין נישט פארזיכערט!**

## דער חורבן פון טעקסט מעסעדזשעס

לאמיר רעדן פון טעקסט מעסעדזשעס, דער גרעסטער פראבלעם איז ווען מ'וויסט נישט אז מ'פארט קיין אוישוויץ, רבי מיכאל בער ז"ל איז ארויסגעשפרינגען פון פענסטער פארנדיג קיין אושוויץ, און ער האט זיך געראטעוועט, ער האט געגעבן פאר אידן קליינע זעגלעך ווען מ'איז געגאנגען אויפ'ן באן "שניידס אויף דעם פענסטער און שפרינגטס ארויס", ער האט אויסגעלערנט ווי אזוי מ'שפרינגט ארויס מ'זאל זיך נישט צוקלאפן. איז געווען א משפחה טאטע מאמע מיט קינדער, רבי מיכאל בער האט זיך געבעטן ביי די משפחה קיינער האט נישט געוואלט הערן, איז געווען צווישן זיי א בחור'ל פון פופצן יאר ער האט געזאגט 'ער גייט שפרינגען', טאטע און מאמע האב זיך געבעטן: שפרינג נישט ארויס וועסט זיך צוברעכן די פיס מ'וועט דיך כאפן מ'וועט דיך הרג'ענען, מ'פארט קיין אוישוויץ ס'איז גארנישט מ'גייט ארבעטן 'ארבעט מאכט פריי'.

דער גרעסטער חורבן איז געווען אז די תמימות'דיגע אידן האבן געגלייבט אז ארבעטן מאכט פריי! דאס פאסירט דאך ביי אונז רבותי! איינער האט מיך געזאגט דא א כולל יונגערמאן אז ער פארשטייט נישט דער איסור פון טעקסט מעסעדזשעס, האב איך אים געזאגט איך קען זיצן א האלבע שעה און דיר דערציילן זאכן, נישט פון קיין גוי'אישע זאכן, נאר היימישע חורבנות וואס פאסירט ממש יעדן טאג צווישן אונז, וואס כ'בין זיכער אז דו וועסט עס הערן וועסטו אוועקלייגן דעם טעקסט, זאגט ער 'ס'קען נישט זיין', זאג איך אים וואס דארפסטו הערן שמוץ? פאלג האב שכל!

איך האב גערעדט אין כוללים אין וויליאמסבורג, אין סאטמאר האב איך גערעדט צוויי מאל, כ'האב גערעדט אין קאלוב אין בעלזא אין אלע פלעצער, איבעראל האט מען מיר געזאגט אז מ'גייט נישט מקבל זיין, איבעראל האט מען מקבל געווען, גלייב! וואס דארפסטו זיך אנהערן מיט שמוץ?! האב איך אים געזאגט א רמז SMS מאכט 'ס"מ סעל' פון ביידע וועגן אהין און צוריק. דאס איז נישט קיין ווערטל, דאס איז ליידער אמת.

די גרעסטע חורבן איז אויף טעקסט מעסעדזשעס, ווייל מ'כאפט טאקע נישט, איך איך אליין האב אויך נאכנישט געכאפט. מיט צען יאר צוריק בין איך געווען אין ארץ ישראל מ'האט אויפגעשטעלט דעמאלטס א וועד הרבנים, בין איך ארומגעגאנגען צו גדולי ישראל זעהן מ'זאל מאכן א כשר'ע טעלעפאן – געלויבט דער אויבערשטער היינט צוטאג'ס איז דא קרוב צו פיר הונדערט טויזענט כשר'ע טעלעפאון'ס – און איך האב געהאט א מחלוקה מיט די עסקנים דארטן מיט הרב חנון שליט"א און נאך, זיי האבן גע'טענה'ט אז מ'דארף אסר'ן טעקסט, און איך האב געזאגט אז טעקסט איז נאכנישט יעצט, ס'איז טאקע א חורבן אבער ס'איז נאכנישט אזא גרויסע חורבן ווי אינטערנעט, געב עס א יאר צוויי, אז דו וועסט מצליח זיין מיט די כשר טעלעפאן מיט די אינטערנעט, מ'וועט זען אז ס'פעלט אויס וועט מען דעמאלטס מאכן. ב"ה אז מ'האט נישט צוגעהארכט צו מיין דעת בעלי בית.

## "אז מ'קען זעהן וויל מען זעהן"

דער רבי זצ"ל דער דברי יואל איז געווארן רב אין קראלי – א באקאנטע מעשה – איז געקומען א לשון הרע אז די פלאץ אין די באד איז נישט דא קיין מחיצה צווישן מענער און פרויען, דער רבי האט עס נישט געגלייבט, ער האט געשיקט פרעגן א צווייטן 'ס'איז יא דא א מחיצה', האט ער גענומען א מענטש א נאמען וואס ער קען טראסטן קוק גוט נאך וואס גייט דארט פאר, האט ער געזאגט אז ס'איז דא א גוטע מחיצה, נאר וואס דען? אז מ'וויל קען מען זעהן. **האט**

**דער רבי געזאגט "ס'איז נישט אזוי! נישט אז מ'וויל זעהן קען מען זעהן, אז מ'קען זעהן וויל מען זעהן!".**

אונז קענען זיך נישט איבערקליגן מיט די יצה"ר צו זיין א אויבער חכם און זאגן 'איך וועל נישט נכשל ווערן', אז מ'קען זען וויל מען זען! דער אור החיים הק' זאגט אין פ' אחרי אז אויב א מענטש איז נישט אפגעהיטן סיי מיט די ראי' און סיי מיט די מחשבה, קען ער פארלירן די בחירה!

רבי בנימין ראבינאוויטש זצ"ל האט מיר געוויזן די תוס' אין עירובין, פארוואס ביי די גמ' פון ג' דברים שמעבירין את האדם על דעתו ועל דעת קונו ברענגט מען נישט אראפ אויך דעם ענין פון עריות, מ'זעט דאך אין חז"ל אז ס'איז דא אמאל א מענטש וואס קען פארלירן בחירה ביי דעם, זאגט תוס' ס'איז טאקע דא א מענטש פארלירט די בחירה, אבער ס'איז בידו זיך צו ברענגען צו דעם ער זאל נישט קומען צו פארלירן די בחירה, אז ער היט זיך די גדרים וסייגים וואס מ'קען זיך היטן קומט מען נישט אן צו די אלע זאכן.

## עלינו על בנינו ועל דורותינו

מורי ורבותי! מ'זיצט מיר דא צוזאמען ביים הייליגן סעודה פון רבי שמעון בן יוחאי ס'איז אויך יעצט ביינאכט די יארצייט פון הרה"ק רבי מענדלע רימנובער זי"ע, לאמיר זיך פארנעמען יעצט בשעת מ'איז ווארעם, מ'האט זיך געזינגען מ'האט זיך אנגעווארעמט, מ'וועט זיך ווייטער ווארעמען, אז יעדער איינער זאל מאכן די מערסטע וואס איז שייך צו אנטלויפן אליינס פון די אלע זאכן, און נישט נאכגיין יעדעס מאל ס'קומט ארויס א נייע טעלעפאן 'מ'קען שוין האבן א פילטער אויף דעם אויך'...

איך האב געהאט א פאלם ווען ס'איז ארויסגעקומען מיט יארן צוריק די פאלמ'ס, גאנץ קיצור שו"ע האב איך געהאט דארט, שפעטער איז ארויסגעקומען א נייע פאלם וואס קען שוין האבן א קאנעקשאן צום אינטערנעט, איך האב געהאט אליינס א מלחמה א האלב יאר, איך האב עס אוועקגעלייגט און צוריקגענומען, אוועקגעלייגט און צוריקגענומען, כ'האב געהאט אפאר טויזנט טעלעפאן נומער'ס פון די וועלט פון עסקנים פון רבנים מנהלים, וואס טוה איך צוריק אויפשרייבן אויף א פאפיר? כ'האב נישט געהאט קיין ברירה אזוי האב איך געטוהן.

ווייל כ'האב געמאכט א חשבון, אין צען פופצן יאר ארום וועט דאך נישט זיין צו האבן א פאלם אן אינטערנעט, אויב מיינע קינדער האבן מיך געזען לעבן מיט די כלי, זיי וועלן אויך האבן תירוצים, וועלן זיי עס האבן מיט'ן אינטערנעט. **אויב אונז ווילן מיר האבן ערליכע קינדער דארף מען האבן מסירות נפש דערפאר! אן מסירות נפש ווי אזוי וועלן מיר איבערלעבן די שווערע זמנים פון פאר משיח'ן?!** ווייסן מיר נישט וויפיל נסיונות מיר אליינס האבן?!

ביי אונז אין שטעטל האט געוואוינט א איד א בעל תשובה, א תלמיד פון ערוגת הבושם. דער איד איז געקומען קיין אמעריקע נעבעך אין יענע צייטן וואס שמירת שבת איז געווען אזא שווערע נסיון, און נאכדעם איז ער אינגאנצן אוועקפאלן. הגאון רבי משה ניישלאס ז"ל דער סקווירא רב איז געפארן מיט אים אמאל אהיימטראגן די מצות פאר פסח, דער איד אן א קאפל מיט א גרויסע טשופ האט געפאקט לומדות, ער איז געווארן נבהל ונשתומם, ווער ביסטו? א תלמיד פון ערגות הבושם.

ברבות הימים איז ער געווארן א בעל תשובה גמור, ער האט געלאזט צוואה מ'זאל אים לייגן אין פון עק בית החיים ביי אונז אין שטעטל, ער האט געהייסן מ'זאל ארויפשרייבן אויף די מציבה אז ער האט געזינדיגט, מ'האט געפרעגט פאפער רב און אנדערע דערוועגן, עכ"פ איינמאל סוף ימיו איז איינער אריינגעקומען צום איד אין שטוב האב ער געזען ווי ער וויינט, האט ער פארשטאנען אז וועגן די אלטע עבירות וויינט ער, האט ער אים אנגעהויבן צו טרייסטן איר האט דאך געטוהן תשובה מאהבה, זאגט ער "אויף מיינע עבירות האב איך נישט קיין מורא, דער רמב"ם פסק'ענט אז מ'וועט נישט דערמאנען די אלטע עבירות, איך וויין וואס וועל איך ענטפערן פאר מיין משה'לע – די קינדער האט ער נעבעך אינגאנצן פארלוירן – ווען איך וועל ארויפקומען אין הימל און ער וועט מיך פרעגן 'טאטע! פארוואס האסטו מיר נישט געגעבען קיין אידישע חינוך?!"

**רבותי! וואס וועלן מיר אונז ענטפערן פאר אונזערע משה'לעך?! וועגן אפאר נארישע תאוות האט מען נישט ארוועקגעווארפן די טריהפ'נע כלים?!**

אז א מענטש מוז שוין יא האבן א טעלעפאן מיט די אלע זאכן – פארשטייט זיך מיט א פילטער – קויף א כשר'ע אויך, קויף א כשר'ע וואס דאס זאלסטו נוצן, **ווייז פאר דיין קינד אז דו נוצט די אנדערע נאר בדיעבד גדול, ווייז פאר דיין קינד אז דו וויינסט אז דו דארפסט עס האבן, זאל א קינד הערן א קרעכץ ליידער ליידער דערווייל האב איך נאכנישט קיין אנדערע עצה.**

דער אייבערשטער זאל העלפן אין זכות פון די גרויסע צדיקים פון רבי שמעון בן יוחאי מיט רבי מענדל'ע מרימנוב מיט די אנדערע, זאלן באשטיין מיר זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו ומלכינו בראשינו מיט אונזערע קינדער, אלע קינדער זאלן זיין אפגעהיטענע קינדער.